# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................5:22
מוצאי שב"ק....................6:51

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......דברי הימים-ב ט"ו-ט"ז
בבלי.........................ברכות נ'
ירושלמי...................פסחים ט"ו
תוספתא.......................פרה א'
רמב"ם..........שאלה ופקדון ה'


פרשת משפטים, שבת שקלים, מברכים חודש אדר, כ"ז שבט, שנת תש"פ לפ"ק — שנה 9, גליון 22 (436)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וַעֲבַדְתֶּם אֵת ה' אֱלֹקֵיכֶם, וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים, אוּן הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט: "רֶבִּי, מַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן"; דֶער אִיד הָאט פַארְמָאגְט אַ קוּ, עֶר פְלֶעגְט עֶס מֶעלְקְן אוּן פַארְקוֹיפְן דִי מִילְךְ, פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט פַּרְנָסָה, אֵיין צוּפְרִי קוּמְט עֶר אַרַיין אִין שְׁטַאל אוּן טְרֶעפְט זַיין קוּ טוֹיט; דֶער חָפֵץ חַיִים הָאט אִים גֶעוָואלְט בַּארוּאִיגְן, אָבֶּער דֶער אִיד וֵויינְט אוּן שְׁרֵייט אַז עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן פַאר הוּנְגֶער וַוייל עֶר הָאט מֶער נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, זָאגְט אִים דֶער חָפֵץ חַיִים זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "דַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן עֶר וֶועט דִיר וַוייטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה, חַס וְשָׁלוֹם צוּ טְרַאכְטְן אַז דַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַ קוּ, נָאר דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ הָאסְט גֶעהַאט פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ דִי קוּ, אוּן יֶעצְט וֶועט קוּמֶען דַיין פַּרְנָסָה דוּרְךְ אַן אַנְדֶערֶע וֶועג".

דִי מַעֲשֶׂה זָאלְסְטוּ גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִיר; דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן פַאר אֵיין מִינוּט אַז דַיין פַּרְנָסָה קוּמְט פוּן דִי אַרְבֶּעט, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פַארְלִירְן דִי אַרְבֶּעט וֶועסְטוּ אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער וְכוּ', אָדֶער אַנְדֶערֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט?' נָאר דוּ דַארְפְסְט זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין זַיינֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי עֶר הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס קוּמְט אַרוֹיף דַאוְוענֶען אִין יְשִׁיבָה, הָאט מִיר פַארְאַיָאר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן, אָבֶּער דֶער בַּעַל הַבַּיִת וואו עֶר אַרְבֶּעט זָאגְט אִים, אַז אוֹיבּ עֶר פָארְט אוֹיף אוּמַאן וֶועט עֶר פַארְלִירְן זַיין אַרְבֶּעט, אוּן עֶר פְרֶעגְט מִיר וָואס עֶר זָאל טוּן; אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן. לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן - עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בֵּיישְׁטֵיין דֶעם נִסָיוֹן; וָואס מֵיינְסְטוּ? אַפָּאר וָואכְן נָאךְ סוּכּוֹת זָאגְט עֶר מִיר אַז זַיין בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעטְרָאפְן אַ צְוֵוייטְן אִינְגֶערְמַאן וָואס טוֹיג אִים בֶּעסֶער אוּן עֶר אִיז גֶעבְלִיבְּן אָן אַ פַּרְנָסָה. דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, וַוייל עֶר הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זַיין רֶבִּי, זַיין אִידִישְׁקֵייט אוּן זַיין הִתְחַזְּקוּת פַאר דֶעם בַּעַל הַבַּיִת, אוּן יֶעצְט הָאט עֶר גָארְנִישְׁט.

מֶען זֶעט נֶעבֶּעךְ וִוי אִינְגֶעלַייט צֶערֵייסְן זִיךְ פַאר זֵייעֶרֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים; זֵיי וֵוייסְן נָאךְ נִישְׁט וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז, זֵיי לֵייגְן אַלֶעס אִין דֶער זַייט פַאר זֵייעֶרֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים אוּן זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ לַאנְגֶע יָארְן, בִּיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת טְרֶעפְט אַ צְוֵוייטֶע שְׁמַאטֶע וֶועם מֶען קֶען גוּט אוֹיסְנִיצְן, דֶעמָאלְט זָאגְט עֶר אָפּ דֶעם אִינְגֶערְמַאן פוּן אֵיין טָאג אוֹיפְן צְוֵוייטְן, אוּן עֶר בְּלַייבְּט מִיט גָארְנִישְׁט; דִי וַוייבּ הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט, וַוייל יֶעדֶעס מָאל זִי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַהֵיים צוּ קוּמֶען וְכוּ', הָאט עֶר אִיר אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט מִיטְן תִּירוּץ: "מַיין בַּעַל הַבַּיִת הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן דָאס אוּן יֶענְץ"; זַיינֶע קִינְדֶער הָאט עֶר נִישְׁט, וַוייל וֶוען זֵיי פְלֶעגְן וֶועלְן רֶעדְן מִיט אִים וְכוּ' הָאט עֶר אֵייבִּיג גֶעהַאט גוּטֶע תִּירוּצִים - עֶר דַארְף לוֹיפְן צוּ זַיין אַרְבֶּעט, זַיין בַּעַל הַבַּיִת הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַ טוֹבָה וְכוּ', אוּן יֶעצְט וֶוען דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט אִים אַרוֹיס גֶעשְׁטוֹיסְן, זֶעט עֶר זִיךְ אֵיינֶער אַלֵיין.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וֶוען מֶען גֵייט אַרְבֶּעטְן, אַז מֶען גֵייט אַרְבֶּעטְן פָּשׁוּט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרִי דְבָרִים, פֶּרֶק טו, פִּיסְקָא קנח) אוֹיפְן פָּסוּק (מִלְּשׁוֹן הַכָּתוּב דְּבָרִים טו, יח): "'וּבֵרַכְתִּיךָ בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה', יָכוֹל יְהִי יוֹשֵׁב וּבָטֵל? תַּלְמוּד לוֹמַר 'בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה'", מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט דִי פַּרְנָסָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשע"ז)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### הֶעכֶער פוּן אַ בְּהֵמָה

מִיט וָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ הֶעכֶער אוּן גְרֶעסֶער פוּן אַ בְּהֵמָה? דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ מַעֲלָה הֶעכֶער וַוייל עֶר אִיז "מְדַבֵּר" - עֶר הָאט דֶעם כֹּחַ הַדִיבּוּר, עֶר קֶען רֶעדְן. אַ מַתָּנָה מִיט וָואס אַנְדֶערֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן זֶענֶען נִישְׁט בַּאשָׁאנְקֶען גֶעוָוארְן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, ז) "וַיְהִי הָאָדָם לְנֶפֶשׁ חַיָּה", טַייטְשְׁט דֶער תַּרְגוּם "לְרוּחַ מְמַלְלָא", עֶס אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶר סָארְט בַּאשֶׁעפֶענִישׁ וָואס קֶען רֶעדְן.

אוֹיבּ אִיז דִי גַאנְצֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ טַאקֶע דָאס אַז עֶר קֶען רֶעדְן, דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זֶען צוּ נוּצְן דִי טַייעֶרֶע מַתָּנָה אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן אוֹפָן. צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן מוֹיל נָאר גוּטֶע זַאכְן, צוּ נוּצְן דִי מוֹיל צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען אוּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ נוּצְן דֶעם מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט וָואסֶערֶע כּוֹחוֹת עֶר הָאט אִין זַיין מוֹיל, דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּן דוּרְךְ זַיין רֶעדְן. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר קֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אַלֶעס בְּלוֹיז מִיט זַיין מוֹיל.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ מְנוֹרָה אוֹיף זַיין פָּנִים, יֶעדֶער הָאט זִיבְּן לִיכְט אוֹיף זִיךְ, דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי צְוֵויי נָאז לֶעכֶער, אוּן דִי מוֹיל. אוּן דֶער אַרְבֶּעט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז צוּ אָנְצִינְדֶען אוּן צוּ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן לִיכְט, אוּן דַאן וֶועט זַיין מֹחַ אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶס וֶועט נָאר בְּרֶענֶען אוּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג.

מֶען דַארְף הֵיילִיגְן דִי אוֹיגְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף גוּטֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען
<<<<<<

## א גוט ווארט

גֵיי אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר אַלֶע דִינִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת וִישׁוּעָה בָּאָה", אַז מֶען טוּבְלְט זִיךְ אִין מִקְוֶה אִיז מֶען מְבַטֵּל אַלֶע צָרוֹת אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ יְשׁוּעָה. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, אוֹת פא): "הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין", אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים; גֵיי אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג גְלַייךְ וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִשְׁפָּטִים תש"פ)

# בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## דִּי צַעַר פוּן אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וֶוען אַ קִינְד פִירְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז נִישְׁט אַ פֶּערְצוּפַאל, נָאר אַלֶעס אַלֶעס פִירְט זִיךְ מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט.

וִוי קֶען אִיךְ אַייךְ מְחַזֵק זַיין, וֶוען אִיר גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל פַּיין אוּן צַעַר פוּן אֵייעֶר זוּן וָואס פִירְט זִיךְ יֶעצְט נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה? וֶוער קֶען פַּארְשְׁטֵיין דִי פַּיין אוּן וֵוייטָאג פוּן אַ מַאמֶע'ס הַארְץ וָואס אִיר קִינְד פִירְט זִיךְ נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה? עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא פַּיין אוּן וֵוייטָאג אוֹיף דִי וֶועלְט וֶוען מֶען זֶעט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר, מֶען בֶּעט אַזוֹיפִיל פַארְ'ן קִינְד, מֶען טוּט אַלֶע סָארְט סְגוּלוֹת אוּן אַסַאךְ גוּטֶע מַעֲשִׂים – אַלֶעס לִזְכוּת אַז דָאס קִינְד זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט וִוי עֶפֶּעס רִירְט זִיךְ, בִּיז מֶען שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַז עֶס וֶועט שׁוֹין נִישְׁט קוּמֶען אַ יְשׁוּעָה.

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶס אִיז זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט; דָאךְ דַארְפְן מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן חַזֶר'ן דִי פָּשׁוּטֶ'ע וֶוערְטֶער: "מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט אוּן מִיר וִוילְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין; מִיר גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט אוּן מִיר גְלֵייבְּן אִין תְּפִילָה; מִיר גְלֵייבְּן אַז יֶעדֶע תְּפִילָה, יֶעדֶע גֶעבֶּעט – גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קַיין שׁוּם תְּפִילָה וֶוערְט נִישְׁט פַארְפַאלְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט, יֶעדֶעס גֶעבֶּעט"; אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי בְּרָכָה: "כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִילַּת כָּל פֶּה עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בְּרַחֲמִים, בָּרוּךְ אַתָּה ה' שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה...", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט רַחֲמָנוּת.

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן דֶעם בְּרִיוו וֶוען אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִי וֵוייטָאג וָואס אִיר הָאט; אַ מַאמֶע וָואס הָאט גֶעטְרָאגְן וְכוּ' אוּן גֶעבּוֹירְן וְכוּ' אוּן גֶעהָאדֶעוֶועט אַזוֹיפִיל יָארְן אַ קִינְד, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאט דָאס קִינְד אָפְּגֶעלָאזְט דַיין וַוארֶעמֶע הֵיים, לְעֵת עַתָּה פִירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה – וֶוערְט מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ שְׁפִּיר זֵייעֶר שְׁלֶעכְט; דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ אַפָּאר וֶוערְטֶער, וַוייל מִיר מוּזְן זִיךְ שְׁטַארְקְן, מִיר מוּזְן אָנְגֵיין מִיט אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּן נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען אָנְגֵיין וַוייטֶער מִיטְ'ן לֶעבְּן, נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען זַיין שְׁטַארְק אוּן שְׁטַארְקְן אַנְדֶערֶע.

גֶעבְּטְס אַ קוּק וָואס פַאר אַ טֵייעֶרֶע דוֹר אִיר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט; טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, לִיכְטִיגֶע אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט אִיר נָאךְ הָאבְּן נַחַת פוּן דֶעם קִינְד. אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט זֶעט מֶען נִישְׁט וִוי דִי תְּפִילוֹת הֶעלְפְן זָאלְט אִיר וִויסְן אַז יֶעדֶע תְּפִילָה גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דֶעם שֵׁיינֶע זַאכְן; אַייעֶרֶע אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אוּר-אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אוּר-אוּר-אֵיינִיקְלֶעךְ וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אִין דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת בִּזְכוּת דִי תְּפִילוֹת, סְגוּלוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס אִיר טוּט פַאר דֶעם קִינְד.

דָאס וֵוייסְט אִיר אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אֲפִילוּ אִין צַייטְן וָואס מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען הַאלְטְן מִיט דִי תּוֹרָה, וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן אַלֶע אִידְן תְּשׁוּבָה טוּן, אַלֶע וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶע מַאמֶעס וָואס הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת וֶועלְן דֶעמָאלְט וֶוערְן פַארְאֵיינִיגְט מִיט זֵייעֶר קִינְד מִיט אַ גַאנְצֶע הַארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן שִׁיקְן דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק, עֶר זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מַלְאָכִי ג, כב-כג): "הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא, וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים וְלֵב בָּנִים עַל אֲבוֹתָם".

>>>>>>

טָאר נִישְׁט, מֶען דַארְף הֵיילִיגְן דִי אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן נָאר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע זַאכְן, זִיךְ צוּצוּהֶערְן צוּ וָואס דִי צַדִיקִים לֶערְנֶען אוּנְז, אוּן נִישְׁט צוּ הֶערְן זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דַארְף מֶען הֵיילִיגְן דִי נָאז לֶעכֶער, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף סַבְלָנוּת, אַז מֶען זָאל הָאבְּן "אֲרִיכַת אַפַּיִם" אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעוָואלְט. אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט דִי מוֹיל, צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע זַאכְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן דִי מוֹיל אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע פוּן אַלֶעס אוּן דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ אַלֶעס, מִיט דִי מוֹיל קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט אוּן זֶעט דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן הִיטְן דִי אוֹיגְן, דִי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז אוּן מוֹיל, קֶען עֶר וֶוערְן צוּפַאלְן, עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר גוּטֶע אוּן וִויכְטִיגֶע זַאכְן, אָבֶּער וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה דֶערְצוּ?

וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אָבֶּער דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ וָואס עֶר הָאט אִין זַיין מוֹיל, וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיינְמָאל אִין נָאכְאַמָאל בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר ח, ב) "אֶל מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת" - אַלֶע לִיכְט פוּן דִי מְנוֹרָה דַארְפְן זַיין גֶעבּוֹיגְן צוּ דִי מִיטֶעלְסְטֶע. דַארְף מֶען לִכְאוֹרָה פַארְשְׁטֵיין, אַז דִי מִיטֶעלְסְטֶע לִיכְט אִיז דָאךְ גֶעשְׁטַאנֶען אִינְמִיטְן גְלַייךְ, אוּן דִי אַנְדֶערֶע זֶעקְס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעבּוֹיגְן צוּ אִים, וָואלְט דָאךְ גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין "יָאִירוּ שֵׁשֶׁת הַנֵּרוֹת", נָאר זֶעקְס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעבּוֹיגְן?

נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז דִי זִיבֶּעטֶע לִיכְט אִיז קֶעגְן דִי מוֹיל, אַלֶע זִיבְּן לִיכְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף זַיין קָאפּ, דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז לֶעכֶער אוּן דִי מוֹיל, אַלֶע דַארְפְן זַיין גֶעבּוֹיגְן צוּ דִי מוֹיל, אַלֶע דַארְפְן זֵיי צוּקוּמֶען צוּ דִי מוֹיל, פַאר דִי אַלֶע זַאכְן דַארְף מֶען נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אוֹיף דִי מוֹיל אַלֵיין דַארְף מֶען אוֹיךְ אַסַאךְ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל עֶס נוּצְן נָאר צוּ גוּטְן, מֶען זָאל נוּצְן דִי מוֹיל נָאר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי אוֹיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט חַ"ו פַארְקֶערְט צוּ רֶעדְן נַארִישְׁקַייטְן אוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואסֶערֶע גֶעוַואלְדִיגֶע כּוֹחוֹת עֶס לִיגְט אִין דִי מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וָואס וֶוען מֶען נוּצְט דָאס אוֹיס וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, קֶען מֶען דוּרְךְ צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב') אַז עֶס זֶענֶען דָא פִיר סָארְטְן וֶוערְטֶער וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען רֶעדְן, אוּן מִיט דֶעם אוֹיסְנוּצְן דִי מוֹיל דָאס בֶּעסְטֶע. דִי פִיר סָארְטְן זֶענֶען: "דִּיבּוּר שֶׁל תְּשׁוּבָה", "דִּיבּוּר שֶׁל עֲשִׁירוּת", "דִּיבּוּר שֶׁל מַלְכוּת", אוּן "דִּיבּוּר שֶׁל צְדָקָה". לָאמִיר דוּרְכְגֵיין דִי פִיר סָארְטְן דִיבּוּרִים אוּן זֶען וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זֵיי נוּצְן.

דִּיבּוּר שֶׁל תְּשׁוּבָה - אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט אַ נָאנְטֶער פְרַיינְד. חַזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה לח, ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (הוֹשֵׁעַ יד, ג) "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט נִישְׁט פוּן אַ מֶענְטְשׁ נָאר אַז עֶר זָאל רֶעדְן צוּ אִים. וַוייל אֵיינְמָאל דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר אִים, דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ וֶוערְן גוּט אוּן וואוֹיל, עֶר וֶועט שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיּוֹת וּבְגַשְׁמִיּוֹת אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַן עֶרְלִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן.

דִּיבּוּר שֶׁל עֲשִׁירוּת - אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן פָּאזִיטִיוו, צוּ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ מִיט אַ גוּטֶע אוֹיג. שְׁטֶענְדִיג צוּ זָאגְן אַז אַלֶעס גֵייט אִים גוּט בָּרוּךְ ה', אוּן נִישְׁט זִיךְ זוּכְן אָפְּצוּרֶעדְן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס גֵייעֶן אִים נִישְׁט גוּט. דִי מִשְׁנָה זָאגְט אִין אָבוֹת (פֶּרֶק ד') "אֵיזוֹהִי עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ" - אַן עוֹשֶׁר אִיז אֵיינֶער וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס עֶר הָאט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט אוּן וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס, יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אִים הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן אַז אַזוֹי הָאט עֶס גֶעדַארְפְט זַיין אוּן נָאר אַזוֹי אִיז גוּט פַאר אִים, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט זוּכְן זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן, נָאר וֶוען אֵיינֶער וֶועט אִים פְרֶעגְן וָואס עֶר מַאכְט, וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג עֶנְטְפֶערְן: "גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אַלֶעס גֵייט מִיר זֵייעֶר גוּט". אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן מִיט אַ בְּרֵייטְקַייט אַז אַלֶעס אִיז אִים גוּט, דַאן וֶועט עֶס טַאקֶע וֶוערְן אַזוֹי אַז אַלֶעס וֶועט אִים זַיין גוּט.

דִּיבּוּר שֶׁל מַלְכוּת - דָאס זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס אַ אִיד דַארְף זָאגְן יֶעדְן טָאג, עֶר דַארְף דַאוֶונֶען, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי אַלֶע מִצְוֹת וָואס מֶען דַארְף זָאגְן מִיט דִי מוֹיל. וֶוען אַ אִיד זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, עֶר גֶעוואוֹינְט צוּ זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶוערְט זַיין מוֹיל אַזוֹי גֶעהֵיילִיגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס הֶערְט אִים נָאר רֶעדְן, וֶוערְט אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִּיבּוּר שֶׁל צְדָקָה - דִי מוֹיל דַארְף מֶען אוֹיךְ נוּצְן אוֹיף צוּ טוּן דֶערְמִיט

<<<<<<

>>>>>>

צְדָקָה. צוּמָאל קֶען מֶען טוּן אַסַאךְ מֶער אוּן גְרֶעסֶערֶע צְדָקוֹת בְּלוֹיז מִיטְ'ן מוֹיל, אַסַאךְ מֶער פוּן וִויפִיל מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט טוּן מִיט גֶעלְט. וֶוען מֶען זֶעט וִוי אַ צְוֶוייטֶער אִיד אִיז צוּבְּרָאכְן, יֶענֶער גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועריקַייטְן; קֶען מֶען אַמָאל מִיט אֵיין גוּט וָוארְט רַאטֶעוֶוען מַמָשׁ יֶענֶעמְ'ס לֶעבְּן. מִיט גֶעלְט קֶען מֶען נִישְׁט אֵייבִּיג הֶעלְפְן אַ מֶענְטְשׁ, נִישְׁט אֵייבִּיג אִיז יֶענֶעמְ'ס פְּרָאבְּלֶעם דָאס גֶעלְט וָואס פֶעלְט אִים, זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל קֶען עֶס זַיין אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריקַייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ יֶענֶעמְ'ס פְּרָאבְּלֶעם אִיז טַאקֶע יָא אַז עֶס פֶעלְט אִים גֶעלְט, הָאט מֶען דָאךְ אָבֶער נִישְׁט גֶענוּג גֶעלְט צוּ קֶענֶען אוֹיסְצָאלְן יֶעדְנְ'ס חוֹבוֹת. אָבֶער מִיט עֶטְלִיכֶע קְלֵיינֶע וֶוערְטֶער מִיט וָואס מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ צְוֵוייטְן, מֶען נֶעמְט יֶענֶעם אַרוֹיס פוּן זַיין עֶנְגְשַׁאפְט אוּן צוּקְלַאפְּטְקֵייט, הָאט מֶען אִים פִּיל מֶער גֶעהָאלְפְן וִוי מֶען וָואלְט אִים גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

וֶוען אַ אִיד נוּצְט אוֹיס זַיין מוֹיל וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט' עֶרֶךְ דִיבּוּר)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (נו)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֵוייְלְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

רנג

דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוֵוייְלְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר גָאר אַסַאךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תּוֹרָה אוּן אִין תְּפִלָּה. יֶעדְן טָאג הָאט עֶר אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן זַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטָאלְצִירְט מִיט דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער חִילוּק פוּן זַיינֶע תּוֹרוֹת פוּן חוּץ לָאָרֶץ אוּן דִי תּוֹרוֹת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז מַמָשׁ כִּרְחוֹק מִזְרָח מִמַּעֲרָב.

יֶעדְן טָאג זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין צוּ אִים גְרוֹיס אוּן קְלֵיין, צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן צוּ הֶערְן פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת.

רנד

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן אַרוֹיפְגֶעקוּקְט סַיי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן סַיי אִין חוּץ לָאָרֶץ, מְ'הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז עֶר קֶען גַאנְץ שַׁ"ס כִּמְעַט אוֹיף אוֹיסְנְוֵוייְנִיג, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ בַּעַל מְקוּבָּל, אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אַז עֶר ווִיל רֶעדְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן פְּרִיוַואט, יֶעדֶער זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן צִימֶער וֶוען עֶר רֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז טַאקֶע אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אִין צִימֶער אִיז גֶעבְּלִיבְּן נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, אוּן יֶענֶער גָדוֹל.

דַאן הָאט דֶער גָדוֹל אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל אִים אוֹיסְזָאגְן דִי אֱמֶת'עֶ סִיבָּה פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּם רֶבִּי'ן, "אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט מוֹחִין דְקַטְנוּת, אַזוֹי וִוי גֶעוֶועְנְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן קוּמֶען וַוייל זֵיי ווִילְן גֵיין פִיר אַמוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן זַיין אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא, אוּן דָאס גְלַייכְן וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְזִין מִיטְ'ן קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער רֶבִּי אִיז זִיכֶער גֶעקוּמֶען מִיט עֶפֶּעס הֶעכֶערֶע כַּוָונוֹת, מִיט אַ מוֹחִין דְגַדְלוּת, צוּ פּוֹעֶלְ'ן עֶפֶּעס אַ גְרוֹיסֶע הַשָּׂגָה אִין עֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ, דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק ווִיסְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט דָא פּוֹעֶלְ'ן, אִין וֶועלְכֶע נְקוּדָה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אִיךְ בִּין גְרֵייט אַייךְ צוּ בַּאדִינֶען מִיט מַיין גוּף, נֶפֶשׁ, רוּחַ, אוּן נְשָׁמָה".

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "מַיין טֵייעֶרֶער פְרַיינְד, דָאס זָאלְט אִיר מִיר נִישְׁט פְרֶעגְן, וַוייל דָאס אִיז גָארְנִישְׁט קַיין פְּשׁוּטֶע זַאךְ אַייךְ דָאס חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְצוּזָאגְן פַארְוָואס אִיךְ בִּין דָא גֶעקוּמֶען אוּן וָואס אִיךְ ווִיל דָא אוֹיפְטוּן, אוּן אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ אֲפִילוּ בַּאשְׁווֹאוֹירְן אַז אִיךְ טָאר דָאס נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן".

דֶער גָדוֹל הָאט אָבֶער נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט נָאר וַוייטֶער פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ בֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן, "אַזוֹיפִיל ווִיל אִיךְ כָאטְשׁ בֶּעטְן אַז דֶער רֶבִּי זָאל מִיר זָאגְן עֶפֶּעס פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אִיךְ מֵיין דֶערְמִיט גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווִיל פָּשׁוּט אוֹיךְ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אֶפְשָׁר וֶועט דָאס מִיר אָנְוַוארֶעמֶען אִיךְ זָאל פוּן פְרִישׁ אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ אִינְאֵיינֶעוֶועגְס אוֹיךְ קֶענֶען עֶפֶּעס פַארְשְׁטֵיין פוּן דֶעם אַ רֶמֶז, אִיבֶּער דִי כַּוָונוֹת פַארְוָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

דַאן אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין גָאר אַ שְׁטַארְק בְּרֶען אוּן הִתְלַהֲבוּת, זַיין פָּנִים הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פְלַאמֶען, זַיין הָאר פוּן קָאפּ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם הוּט פוּן קָאפּ אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן, "אִיר וֵוייסְט דֶעם סוֹד פוּן דִי כַּוָונוֹת פוּן תְּפִלִּין?", אוּן יֶענֶער גָדוֹל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן עֶטְלִיכֶע כַּוָונוֹת, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "נֵיין, נִישְׁט דָאס זֶענֶען דִי כַּוָונוֹת פוּן תְּפִלִּין, אוּן ווִיבַּאלְד אִיר וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם סוֹד פוּן כַּוָונוֹת פוּן תְּפִלִּין, וֵוייסְט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט דֶעם סוֹד פוּן דִי פִיר זַייטְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ אַייךְ אַנְטְפְּלֶעקְן עֶפֶּעס אַ רֶמֶז פוּן דֶעם עִנְיָן".

אַזוֹי וִוי אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט נָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן, הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְקוּמֶען בְּלוּט פוּן זַיין הַאלְז, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם גָדוֹל, "יֶעצְט זֶעט אִיר דָאךְ שׁוֹין מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן אַז מְ'אִיז נִישְׁט מַסְכִּים פוּן הִימְל אַז אִיךְ זָאל אַייךְ דָאס אוֹיסְזָאגְן".

דֶער גָדוֹל הָאט דָאס טַאקֶע פַארְשְׁטַאנֶען, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין פַארְ'ן אַזוֹיפִיל מוּטְשֶׁען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דָארְט בִּיז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען.

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן "נֵיין" פַאר אַ מֶענְטְשׁ?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן "נֵיין" פַאר אַ מֶענְטְשׁ. לְמָשָׁל וֶוען אַ חַבֵר בֶּעט מִיר אַרוֹיסְצוּגֵיין עֶסְן מִיט אִים, אָדֶער אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל בָּארְגְן גֶעלְט פוּן מִיר, אָדֶער בַּיי אַנְדֶערֶע פֶּעלֶער, וֶוען סְ'קוּמְט צוּ זַאכְן וָואס אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת נִישְׁט טוּן, וֶועל אִיךְ עֶס אָבֶער יָא טוּן וִוי אֵיידֶער צוּ זָאגְן נֵיין פַאר יֶענֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְפְּלָאנְטֶערְן דַיין לֶעבְּן מִיט מֶענְטְשְׁן; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶרְ'ן מִיט אוּנְז דוּרְכְאוֹיס אַלֶע יָארְן: "אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹיבּ הָאט עֶר יָא אֵיינֶעם אִיז עֶס דִי וַוייבּ"; אַז חֲבֵרִים רוּפְן דִיר עֶסְן מִיט זֵיי, פָארְן מִיט זֵיי, גֵיין אוּן קוּמֶען וְכוּ', - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט חָכְמָה אוּן נָאר גֵיין מִיט דַיין וַוייבּ, אַז דוּ ווִילְסְט אַוֶועק פַארְן זִיךְ אָפְּרוּעֶן - פָאר מִיט דַיין וַוייבּ; פָארְן אוֹיף וֶועקֶעישָׁאן מִיט חֲבֵרִים אוּן אִיבֶּער לָאזְן דִי וַוייבּ אִין שְׁטוּבּ - אִיז נִישְׁט דִי וֶועג.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אוּנְז: "אִיךְ בֶּעט אַייךְ, גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין גֶעזֶען אוּן גֶעלֶערְנְט אוֹיף מַיין בָּארְד, מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן וְכוּ'".

אָפְּגֶערֶעדְט פוּן בָּארְגְן גֶעלְט אוּן נוּצְן דַיין נָאמֶען וְכוּ' וְכוּ'; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס בָּארְגְן אוּן בַּאצָאלְן נִישְׁט, מֶען דַארְף זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט חָכְמָה.

אֵיינֶער וָואס אִיז דִיר מְחַזֵק אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵׁם, עֶר גֶעבְּט דִיר עֵצוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן - מִיט אִים אִיז גוּט זִיךְ צוּ חַבְרְ'ן, אָבֶער אוֹיךְ מִיט אַ מָאס, מִיט אַ גְרֶענִיץ, אַז יֶענֶער הוֹיבְּט אָן אַרַיין קְרִיכְן אִין דַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן, דַארְפְסְטוּ הָאבְּן שֵׂכֶל זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן אַרַיין קְרִיכְן אִין דַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אוּן בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה וֶוען יֶענֶער אִיז זֵייעֶר וַוארֶעם זֶעעֶנְדִיג וִוי מֶען הֶעלְפְט אִים וְכוּ', וְכוּ', גֶעבְּן זֵיי אַ זֶעקֶל אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען בָּארְגְט כְּלוֹמֶרְ'שׁ אַסַאךְ גֶעלְט אוּן מִיט דֶעם עֶנְדִיגְט זִיךְ דֶער סִיפּוּר, הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

פַארְוָואס גֵיין עֶסְן מִיט חֲבֵרִים? עֶס מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, עֶס מִיט דַיין וַוייבּ; גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין קַטְנוּת הַדַעַת, פוּן דִי קַטְנוּת וָואס רוּפְט זִיךְ 'חֲבֵרִים'. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְפְּלָאנְטֶערְט מִיט נִישְׁט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר דִיר אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יִתְרוֹ תש"פ)




**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908**

BreslevCenter.com\answers

<<<<<<

**רנה**

אִין יֶענֶע צַייט וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען קַיין טְבֶרְיָה, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ שַׁדְכָן מִיט אַ שְׁלִיחוּת פוּן הָרַב הֶחָסִיד הַמְפוּרְסָם, דֶער גְבִיר רֶבִּי מֹשֶׁה זי״ע, דֶער זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מֶענְדְל מְוִויטֶעבְּסְק זי״ע, צוּ בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי׳ן אַז עֶר וִויל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דֶעם, ״וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ? מִסְתָּמָא וִויל אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מַיין טָאכְטֶער זָאל גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל״, אוּן מֶער הָאט דֶער רֶבִּי גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט.

דֶער שַׁדְכָן אִיז גְלַייךְ צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי מֹשֶׁה מִיטְ׳ן עֶנְטְפֶער אַז דֶער רֶבִּי אִיז מַסְכִּים צוּם שִׁידוּךְ, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ צוּגֶעגְרֵייט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה אַלֶע גְרוֹיסֶע לַייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סֵיי דִי פוּן לִיטָא אוּן סֵיי דִי פוּן פּוֹלִין, יֶעדֶער פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין אִיז דָארְט אַהִינְגֶעקוּמֶען.

בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט מֶען גֶערֶעדְט דִבְרֵי תּוֹרָה צְוִוישְׁן זִיךְ, אוּן דֶער רֹאשׁ הַמְדַבְּרִים דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער גָדוֹל וָואס הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי׳ן עֶר זָאל אִים אוֹיסְזָאגְן פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אַזוֹי אִינְמִיטְן רֶעדְן הָאבְּן זֵיי גֶערֶעדְט אִיבֶּער אַ גֶעוִויסֶע רַשִׁ״י, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְמַאנֶען וואו עֶס שְׁטֵייט. זֵיי הָאבְן זִיךְ שְׁטַארְק גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, וַוייל יֶעדֶער פוּן זֵיי הָאט גֶעהַאלְטְן נִישְׁט לַאנְג נָאכְ׳ן מְסַיֵים זַיין שַׁ״ס, אוּן קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְמַאנֶען וואו דִי רַשִׁ״י שְׁטֵייט.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן שְׁטִיל, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט, וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע צַעַר וָואס זֵיי הָאבְּן פוּן דֶעם אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְמַאנֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי׳ן צוּ זָאגְן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, ״דִי רַשִׁ״י שְׁטֵייט דָאךְ אִין מַסֶכֶת זְבָחִים, אִין יֶענֶעם גֶעוִויסְן דַף, אוֹיבְן פוּנֶעם עָמוּד״.

[טֵייל זָאגְן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דַף מ״ז עָמוּד א׳, אָבֶּער אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז דָאס אִיז דִי רַשִׁ״י פוּן דַף מ״ה עָמוּד א׳, דִיבּוּר הַמַתְחִיל ״הִלְכְתָא לִמְשִׁיחָא״, וָואס רַשִׁ״י זָאגְט דָארְט ״הֲרֵי קָבַע לָנוּ הֲלָכָה הַצְּרִיכָה לָנוּ לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ כְּשֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וְעַכְשָׁו לֹא הֻצְרַכְנוּ לָהּ״, אוּן סְ׳אִיז מֶער מִסְתַּבֵּר אַז דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דִי רַשִׁ״י].

זֵיי הָאבְּן דָאס טַאקֶע נָאכְגֶעקוּקְט אוּן גֶעפוּנֶען דִי רַשִׁ״י וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

דִי סְעוּדָה הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן פוּן מִנְחָה גְדוֹלָה, בִּיז צוּם אַנְדֶערְן אִינְדֶערְפְרִי. אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוָוארְן דֶער שִׁידוּךְ פוּן רֶבִּי שְׁמוּאֵל, דֶער זוּן פוּן רֶבִּי מֹשֶׁה, מִיט מִרְיָם, דִי טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

**רנו.**

[אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ, אִיז דֶער חָתָן רֶבִּי שְׁמוּאֵל נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן מִיט אוּמְגֶעפֶער דְרֵיי יָאר שְׁפֶּעטֶער, אִין יָאר תקס״א, אִיז אוֹיךְ זַיין טַאטֶע רֶבִּי מֹשֶׁה נִפְטָר גֶעוָוארְן.

אִין יָאר תקס״ה הָאט דֶער רֶבִּי מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען דִי טָאכְטֶער מִרְיָם, מִיט הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי לֵייבּוּשׁ מְוָואלְטְשִׁיסְק זי״ע, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט אַז דֶער צַדִיק אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען זַיין זוּן, דֶער אֵיידֶעם פוּן רֶבִּי׳ן, אַז עֶר זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶעם רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער אוֹיךְ נָאכְגֶעפָארְן אַהִין.

אוּן אַזוֹי אִיז לְמַעֲשֶׂה מְקוּיָם גֶעוָוארְן דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס הָאט גֶעזָאגְט אַז וִוי עֶס זֶעט אוֹיס וִויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דִי זָאל זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וַוייל יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, הָאט טַאקֶע פַּאסִירְט].

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִיק״

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה ליפא שווארץ הי״ו**

**צו די אפשערן פון זיין זון מאטי נ״י למזל טוב**

ר׳ ליפא איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די מוסדות בכלל און פאר יעדן פון אנשי שלומינו בפרט, שטענדיג איז ער גרייט ארויסצוהעלפן מיט אלעם וואס פעלט זיך אויס, זאל דער אייבערשטער העלפן אז די אלע גרויסע זכותים זאלן אים ביישטיין, ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

***

**מו״ה ישעי׳ איידליס שליט״א**

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

**מו״ה יואל וועבערמאן הי״ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

**על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון**

**מו״ה יואל וועבערמאן הי״ו**

**לכבוד די שמחה פונעם געבורט פון א אינגל למזל טוב**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## שטארקע סוקסעס מיט די פלעי

## ״דער בערגער און דער ארעמאן״

די געשפרעך פונעם טאג איז יעצט איבער די גאר דראמאטישע העכסט אינטערעסאנטע פארשטעלונג ״דער בערגער און דער ארעמאן״, וואס איז אהערגעשטעלט געווארן די וואך זונטאג און מאנטאג דורך די ״בית פיגא ברסלב״ תלמידות, אין די זאלן פון עדן פאלאס אין וויליאמסבורג, מיט די באטייליגונג פון הונדערטער פרויען וואס זענען געקומען צו פארן פון נאנט און ווייט מיטצוהאלטן די פלעי.

אום זונטאג איז די פלעי געשפילט געווארן צוויי מאל, איינמאל נאכמיטאג און די צווייטע מאל ביינאכט, און אום מאנטאג איז די פלעי פארגעקומען איינמאל פארנאכטס.

אלע באטייליגטע פרויען זענען געווען גאר שטארק באגייסטערט ווי שיין עס איז געווארן אויפגעשפילט די מעשה וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט, און ווי פאכמאניש די מיידלעך האבן עס אהערגעשטעלט מיט לעבעדיגע פארבן.

ווען מ׳האט געדרוקט צום ערשטן מאל דעם הייליגן רבינ׳ס ספר ״ספורי מעשיות״, האט דער הייליגער רבי געזאגט אז מ׳זאל עס דרוקן אויך אין אידיש, אז פרויען און קינדער זאלן עס אויך קענען ליינען און פארשטיין, ווייל די הייליגע מעשיות האבן אין זיך געוואלדיגע כוחות אויפצואוועקן א מענטש פון שלאף, ער זאל נישט פארשלאפן זיינע טעג און יארן מיט נארישקייטן, נאר געדענקען דעם תכלית אז מיר זענען דא אויף דער וועלט נאר צו ווערן נאנט צום אייבערשטן און צו לעבן מיט׳ן אייבערשטן.

דאס איז סתם אזוי ווען מ׳ליינט די הייליגע מעשיות, און זיכער ווען מ׳שפילט אויף די מעשה לעבעדיג, גייט דאס אריין אין די ביינער און עס וועקט אויף דעם איד צום אייבערשטן. אויסער די פילע מוסר השכל׳ס וואס מ׳קען פשוט ארויסנעמען פון די מעשיות, ליגט אין דעם נאך געוואלדיגע גרויסע סודות התורה.

און דאס האט מען טאקע געזען יעצט ביי די פלעיס, ווי די פרויען האבן גאר שטארק הנאה געהאט און באקומען אסאך חיזוק און התעוררות פון דעם שיינעם אינהאלטספולן פלעי, זאכן וואס מ׳קען מיטנעמען אין לעבן, די חיזוק און עצות פון הייליגן רבי׳ן העלפן און באגלייטן יעדן איד אויף טריט און שריט.

**למען תספר באזני בנך!**

***

## מסיבת מלוה מלכה ״הכרת הטוב״

## קומענדיגן מוצש״ק תרומה

די ״רענט קאמפיין״ געבט איבער אז זיי טוען איינלאדענען אלע אנשי שלומינו צו א הערליכע מלוה מלכה און מסיבת ״הכרת הטוב״ וואס ווערט אהערגעשטעלט לכבוד די אלע טייערע אינגעלייט וואס נעמען אנטייל און העלפן צו באצאלן די רענט פאר די בנינים פון די הייליגע מוסדות במשך די גאנצע יאר.

די ״רענט קאמפיין״ ווערט אנגעפירט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט דורך מו״ה שבתי דוד מארקוס הי״ו און מו״ה אשר בער אינדארסקי הי״ו וועלכע טראגן דעם עול און העלפן באצאלן די חודש׳ליכע רענט פאר׳ן בנין פון די הייליגע ישיבה. די צוויי חשובע אינגעלייט ווערן אויפגענומען מיט גרויס ווארעמקייט יעדן חודש דורך אנשי שלומינו, וועלכע שפירן א זכיה צו קענען צולייגן א פלייצע און ארויסהעלפן באצאלן די חודש׳ליכע רענט, וואס מיט דעם נעמען זיי אראפ דעם פינאנציעלן עול וואס איז געליגן אויפן ראש ישיבה שליט״א, אזוי אז דער ראש ישיבה שליט״א קען זיך אפגעבן מיט מער הרחבת הדעת מיט אונז, אריינצולייגן אין אונז די עצות און חיזוק פון הייליגן רבי׳ן, אונז מקרב זיין צום אייבערשטן און אונז שטארקן מיט תורה און תפלה און חיזוק אנצוגיין אין לעבן.

די מסיבה אנשפרעכט צו זיין מיט א הערליכע געשמאקע פראגראם פון וואס אלע וועלן בעז״ה זייער הנאה האבן, עס וועט בעז״ה פארקומען דעם קומענדיגן מוצש״ק פרשת תרומה אין ביהמ״ד היכל הקודש אין וויליאמסבורג אויף 27 סקילמאן סט.

**עזוב תעזוב עמו!**


# א מיליאן דאלער

**ווער וויל האבן אסאך געלט? ווען איר באקומט א מיליאן דאלער, וואס וועט איר טון דערמיט?**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 6, 1, 81**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, ״עצתו אמונה״, דרשות, ניגונים, סידור׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**